STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03071

ORIGINELE RETENISHN

Solomon Small

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָריגינעלע רעטענישן

אין ריטם און ריים

אין אידיש און אין ענגליש

— פון —

שלמה שמולעוויטץ

?

דיזן ביכעלע ווידמע איך צו
מיין בעסטער פריינדינע,
דיכטערן איידע מאַזע

וויכטיגע כללים

לעזט אויפמערקזאם דיעזע צייל͏ען אום גרינדליך צו בעגרייפען די נוצבארקייט פון דיזע ווערק און וויסען ווי ארומצוגעהן מיט דעם.

אנשטרענגענדיג אייערע געדאנקען צו טרעפען א רעטעניש בעקומט אייער מארך די נויטיגע איבונג.

די איבונג פון'ם מארך ענטוויקעלט אין אונז א שארפע בעאבאכטונגס־קראפט.

שטודירענדיג רעטענישען ערווערבט מען אן איי־גענשאפט צו בעטראכטען זאכען פון א ברייטען, פיעל זייטיגען שטאנדפונקט.

דער רעטעניש לעהרנט אונז צו פיהרען אונזער געשפרעך אין א פערשטעלטען, און דיפלאָמאַטישען אופן און עס ערוועקט אין אונז א בעגעהר צו דענקען און צו טרעפען.

רעטענישען בע'הבנ'ען אונז מיט דער קונסט צו ריידען מיט אן אנצוהערעניש, דאָרט וואו קלאָהרע און איינפאכע דבורים זיינען ניט אם פלאַטץ, ווי צום ביישפיעל, דאָס אָנזאגען פון א שלעכטע בשורה, אָדער ווען מיר פער־לאנגען פטור צו ווערען פון איין אונגעווינשטען גאַסט, דאַן פאָדערט זיך צו ריידען פערשטעלט, רעטענישמעסיג.

אויך לעהרנט עס אונז צו מאַהלען א געגענשטאַנד אין פערשיעדענע קאָלירען, און יעדער קאָליר ליפערט אונז א טהייל פון'ם מאטעריאל וואָס מיר נויטיגען זיך אום צו טרעפען א רעטעניש.

רעטענישען זיינען מיטלען צו מעסטען איינעמס שאַרפ־זינן.

רעטענישען זיינען אינטערעסאַנט אלס א צייטפער־טרייב, ווען איהר פיהלט זיך איינזאם.

ניט וועניגער אינטערעסאַנט קאָנען זיין די רעטענישען אלס אַ געזעלשאַפטליכע שפּיעל: פריינד קלייבען זיך צו־זאַמען, איינער לייענט פאָר אַ רעטעניש, יעדער איינער פּרובירט טרעפען און שרייבט אויף זיין ענטפער און זיין נאָמען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער, דאַן ווערען אלע צעטלען איבערגעלעזען, די טרעפער ווערען בעלאָהנט מיט אַ פּרייז פון אַ עהרען געריכט פון דער זעלבער געזעלשאַפט און די וואָס טרעפען ניט זאָלען גע'משפט ווערען זייער שטראָף זאָל בעשטעהן פון: קרעהען ווי אַ האָן, בילען ווי אַ הונד און שטעהן אַ געוויסע צייט אויף איין פוס א. אז. וו.

יעצט קומען מיר צו די הויפּט זאך: גאַר אַ גרויסען ווערטה האָט דיזע ווערק פון פּאָעטישען שטאַנדפּונקט. דער פערפאַסער האָט געשריבען יעדן רעטעניש אין אַ רייך פּאָעטישע פאָרמע און דאדורך וואָס דער לעזער וועט זיין געצוואונגען איבערצולייענען יעדען רעטעניש מעהרע'רע מאָהל, וועט ער דערוויל בע'הבנ'ט ווערען אין דער קונסט פון פּאָעזיע, ער וועט ניט נאָר לעזען, נאָר לעהרנען פּאָעזיע. דיעזעס ביכעלע וועט איהם דורכפיהרען דורך די עפּישע, לירישע און דראַמאַטישע פאָרמען פון דער פּאָעזיע און ער וועט אויך בעקאַנט ווערען מיט די פערשיעדענע ריטהומס; די הויך־טאָניגע און די טאָנלאָזע זילבען, די פערזען וואָס בעשטעהען פון צוויי־זילביגע פאָרמען מיט דעם דרוק, אָדער אקציענט אויף דער ערשטער זילבע, בעוואוסט אין דער פּאָעזיע אלס „טראַכייאוס" ווי צום ביישפּיעל:

צווילינג שוועסטער זיינען מיר,
נייען, שטריקען קענען מיר.

„יאמבוס" צוויי זילבען פאָרמען, מיט דעם אקצענט אויף דעם צווייטער זילבע, ווי:

איך האָב געלעבט, צי שלעכט צי גוט?
דאָס האָב איך שוין פערגעסען.

„דאקטיל" דריי זילבען פאָרמען. מיט דעם אַקצענט אויף דער ערשטער זילבע, ווי:

קענסטו דאָס צארטע,
דאָס הערליכע בילד?

„אמפיבראכיום" דריי זילבען פאָרמען, מיט דעם אַקצענט אויף דער צווייטער זילבע, ווי:

קיין כעמיקער בין איך,
דאָך שטאָפען איך מיש.

„אנאפעסט" דריי זילבען פארמען, מיט דעם אַקצענט אויף דער דריטער זילבע, ווי:

כ'שוועב ארום,
אומעדום
לאָז נאָך זיך קיין שפּרינקעלע.

דער שליסל (אינדעקס) אליין איז אויך געמאַכט אין דער פאָרמע פון אַ רעטעניש, זעה דעם אַלף בית און איבער אים די ציפער 1-2-3 א. אז. וו.

דער אינדעקס איז אַראַנזשירט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

אויבען זעהט איהר אן אַלף בית, איבערן אַלף בית ציפערן וואָס לויפען נאָך דעם ארדנונג פון אַלף בית, אונטען ווידער געפינט איהר ליינג אוים כסדר: רעטעניש נומ. 1, נומ. 2, 3, 4 א. אז. וו. אין דערברייט פון יעדען רעטעניש געפינט איהר ציפערן, נעהמט אַ שטיקעל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און שרייבט אויף די בוכשטאַבען נאָך די ציפערן נאָך פון דעם רעטעניש, וועלכען איהר ווילט אויסגעפינען און איהר וועט צוזאַמענשטעלען אַ וואָרט און דאָס וואָרט וועט זיין דער ריכטיגער ענטפער פון אייער געווינשטען רעטעניש.

שליסעל (אינדעקס)

א	ב	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	כ	ך	ל	מ	ם	נ
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14	15	16
ן	ס	ע	פ	ף	צ	ץ	ק	ר	ש	ת	—				
17	18	19	20	21	22	23	24	25	26	27	28				

ענטפערס

רעטעניש נומער 1—6, 6, 10, 16, 9.
רעטעניש נומער 2—6, 6, 1, 25, 10, 15.
רעטעניש נומער 3—10, 1, 28, 1, 6, 17, 28, 16, 10, 10, 17
רעטעניש נומער 4—22, 6, 24, 19, 25.
רעטעניש נומער 5—24, 1, 25, 17.
רעטעניש ננומער 6—19, 25, 4.
רעטעניש נומער 7—20, 6, 10, 24.
רעטעניש נומער 8—7, 10, 10, 21.
רעטעניש נומער 9—7, 1, 13, 23.
רעטעניש נומער 10—24, 2, 25.
רעטעניש נומער 11—16, 6, 13.
רעטעניש נומער 12—26, 9, 19, 24, 17.
רעטעניש נומער 13—22, 10, 10, 17.
רעטעניש נומער 14—2, 25, 10, 13, 17.
רעטעניש נומער 15—2, 19, 25, 26, 9, 13.
רעטעניש נומער 16—6, 6, 1, 18, 19, 25.
רעטעניש נומער 17—5, 1, 25, 23.
רעטעניש נומער 18—24, 1, 25, 9, 17.

שליסל (אינדעקס)

א	ב	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	כ	ך	ל	מ	ם	נ
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14	15	16

ן	ס	ע	פ	ף	צ	ץ	ק	ר	ש	ת	—
17	18	19	20	21	22	23	24	25	26	27	28

ענטפערס

רעטעניש נומער 19—20, 10, 1, 16, 1.
רעטעניש נומער 20—2, 13, 6, 15.
רעטעניש נומער 21—2, 10, 13, 4.
רעטעניש נומער 22—18, 10, 3, 1, 25, 19, 9.
רעטעניש נומער 23—19, 20, 13.
רעטעניש נומער 24—22, 10, 20, 19, 25.
רעטעניש נומער 25—26, 6, 6, 10, 10, 18.
רעטעניש נומער 26—13, 19, 25, 19, 25.
רעטעניש נומער 27—5, 1, 25, 14, 1, 16, 10.
רעטעניש נומער 28—5, 10, 10, 15.
רעטעניש נומער 29—20, 19, 20, 19, 25.
רעטעניש נומער 30—20, 19, 17.
רעטעניש נומער 31—26, 9, 10, 10, 17.
רעטעניש נומער 32—13, 10, 10, 2, 19, 25, 10.
רעטעניש נומער 33—6, 6, 10, 7, 10, 9, 28, 24, 1, 25, 9.
רעטעניש נומער 34—24, 19, 14, 13.
רעטעניש נומער 35—9, 26, 19, 24.
רעטעניש נומער 36—16, 1, 14, 19, 17.

שליסל (אינדעקס)

1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14	15	16
א	ב	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	כ	ך	ל	מ	ם	נ

17	18	19	20	21	22	23	24	25	26	27	28
ן	ס	ע	פ	ף	צ	ץ	ק	ר	ש	ת	—

ענטפערס

רעטעניש נומער 37—24, 1, 16, 6, 6, 19, 25, 19.
רעטעניש נומער 38—1, 13, 9, 24, 10, 10, 9.
רעטעניש נומער 39—2, 6, 12.
רעטעניש נומער 40—5, 19, 14, 4.
רעט. נומ. 41—1, 6, 16, 9, 19, 25, 26, 25, 10, 20, 19.
רעטעניש נומער 42—1, 13, 2, 6, 15.
רעטעניש נומער 43—3, 9.
רעטעניש נומער 44—14, 10, 13, 12.
רעטעניש נומער 45—13, 1, 11, 17.
רעטעניש נומער 46—5, 10, 9, 13.
רעטעניש נומער 47—5, 1, 16, 4, 9, 6, 12.
רעטעניש נומער 48—8, 27, 6, 16, 5.
רעטעניש נומער 49—26, 6, 6, 10, 3, 19, 25.
רעטעניש נומער 50—4, 19, 16, 9, 10, 18, 9.

— 1 —

איך בין פאַרן טייפל
און לויפן געשווינטער,
איר ליבט מיך אום זומער,
איר האַסט מיך אום ווינטער.
מיין אָנקומען איז אָפט
מיט רעש מיט געפילדער,
דאָך צייטנווייס בין איך
אַ גאַסט אייך אַ מילדער.
איך גלעט אייער פּנים
ווי ס׳וואָלט ווער אייך קושן,
פאַר פרוכט בוימער בין איך
אַ מסדר קדושין.

— 2 —

אין דרערד איז מיר ליכטיג,
אין כריין איז מיר זיס,
פון מענשן געטראָטן
ווער איך מיט די פיס!
פון ערד, שמוץ און בלאָטע
קום איך ריין און וויס,
איך האָב ליב צו געבן
פון אַלץ דינג אַ ביים.
איך עס וואָס עס מאַכט זיך,
און לייד ניט קיין נויט,
איך מאַך מיר אַ סעודה
פון מענש נאָכן טויט.

—1—

I'm swift as the lightning
I rush and I roar;
I sing and I whistle,
I hum ever more.
In summer you love me,
I'm gentle and mild,
In winter you hate me,
I'm rough and I'm wild.
I kiss and caress you,
As I kiss the flowers,
I make all the blossoms
Scatter in showers.

—2—

Your grave is my palace,
Your bitter, my sweet
Men crush me, and I am
Trod under their feet.
Through mud and through mire
I rise clean and white
For all things I've got a
Supreme appetite . . . .
All substance I feast on,
And suffer no need;
And e'en with their corpses
All mortals me feed.

— 3 —

צוויי ווערטער זיינען דאָ,
גלייך ביידע פון איין וואָרט,
נאָר וואָס דער ערשטער זאָגט
דער צווייטער זאָגט פאַרקערט.
זיי געהען ניט באַנאַנד,
זיי זיינען אַ קאַנטראַסט,
און יעדער נוצן בריינגט
אויב נאָר אין צייט ער פאַסט.
קוים כאַפּט ארויס זיך דער,
ווען יענער איז אין פלאַץ,
קען קומען צרות פיל,
פאַרלוסטן אָפּט אַ שאַץ.

— 4 —

די ביטערניש
פארטיליג איך,
די פייכטיגקייט
פארטיליגט מיך
אין טריקעניש
געוועור איך לאנג
מיין טויט קומט אָפּט
מיט דיין געטראַנק.

— 5 —

בין איך אויפן פעלד
מאַך איך רייך די וועלט,
יעדער דאַרף מיך נויטיג,
בין איך אויפן פוס,
צו מיין גרוים פאַרדרוס
ברייננג איך מענשן
ווייטיג.

— 3 —

There are two little words,
Both of equal size;
Yet while the one affirms,
The other just denies.
They dwell not side by side,
They are two opposites,
Tho' each its uses has
If time and place it fits.
If one should venture out
When 'tis not required
A thousand woes it brings,
And evils undesired.

— 4 —

All bitterness
I do expell,
Where e'ver its dry
I last full well,
Where e'er it's wet
I melt away.
And in a drink
I end my day.

— 5 —

When upon your field,
Treasures I will yield
Bringing health and pleasure.
When upon your feet,
Trouble you will meet,
Pain without a measure.

— 6 —

כ׳בין אליין נאטורס׳ א טאָכטער,
און א מאמע בין איך דיר,
כ׳בין דיין טאטענס, מאמעס מאמע,
און דיין קינד א קינד איז מיר,
כ׳האָב פאר דיר א היים א שעהנע
צוגעגרייט, א טיש געדעקט,
העמדער, קליידער דיר געגעבן
איידער נאָך דו האָסט געפרעגט.
איך נאָך איצט אויב דו ביזט פייהיג
קענסטו נעמען פיל פון מיר,
אָבער הערסטו אויף צו נעמען
דאַן ערשט נעם איך אלץ פון דיר.

— 7 —

מיך שלאגט ווער ס׳האָט א תאנט
איך בין צוקלאפט אין גאנצן,
באזיץ קיין שום טאלאנט,
דאָך נוצט מען מיך צום טאנצען.
בריינג טומל אומעדום,
אויף חתונות, אויף בעלער,
אויף א פאראד איך קום
צוטראָגט מען מיך אויף טעלער.
איך בין אויך ניט אליין,
מיר ציילן זיך א באנדע,
קומט אוים אין שלאכט צו געהן
דאָרט פיר איך די קאמאנדע.

— 6 —

I myself, am nature's daughter
I'm a mother true to you.
I am both your parents' mother
And your children's mother too.
    Beautiful the home I give you
    Food a-plenty I prepare.
    Clothing too of all description
    You can have with little care.
Till the last, enjoy my bounty . . .
Take my all, as you may do . . .
But if you should cease to use me,
I shall take your all from you . . .

— 7 —

Who'er hath hands can batter me,
And savage blows I'm handed,
And tho' in me no brains you see
At dances I'm demanded.
    I usher turmoil everywhere,
    At weddings, balls, I'm loudest,
    And in processions me they bear
    Aloft among the proudest.
Not all alone I go about
In big parades I take a stand
And when the call to war rings out
I have the first command.

— 8 —

כ'האַלט דיך ריין,
מאַך דיך שעהן,
טו נאָר דיין פאַרלאַנגען,
גיב אַ שמיר,
מיך אַ ריר
ווער איך אויפגעגאַנגען,
מיר ניט פרעמד
איז דיין העמד,
מיך פאַרזעהן מען טאָר ניט,
דיינע הענט
מיך פאַרלענדט,
לאַנגזאַם ווער איך גאָר ניט.

— 9 —

איך קום פון ים, דו קענסט מיך זעהן
פאַרשפרייט ביים ברעג ארום,
דאָך ווערט אַ תל פון מיר אויב איך
צוריק אין וואַסער קום,
אַ טרונק פאַר מיר מיינט איינפאַך טויט,
דאָך איך אַ צווייטן מאַך
אַ גרויסן חשק, שטאַרקן לוסט;
צו טרינקען גאָר אַ סך.
איך בין אַן איינגענעמער גאַסט
כמעט ביי יעדן טיש,
מען איז מכבוד אָפט מאָל מיך
מיט גרינסן, פלייש און פיש.

— 8 —

I keep you clean,
And fair you're seen
According as you use me,
But touch me oft,
I grow more soft
And soon you'll surely lose me.
Your shirt, your skin
With me have been
Old pals;—all men employ me:
And yet do I
By your hands die—
You utterly destroy me . . . . .

— 9 —

My mother is the ocean,
And casts me to the shore,
But should I touch the water
I'm nothing any more . . . .
For me a drink is suicide,
And yet I can excite
In any man a craving
To drink with all his might.
I know I'm always welcome
When you sit down to eat;
And often I am honored
With fish as well as meat.

— 10 —

קענסט מיך צום וויג פאַרגלייכן,
דאָך בין איך דער קאָנטראַסט,
ווי דו פון מיר זאָלסט וויכן
אַלץ זיין ווערסטו מיין גאַסט,
מעגסט יאָ, צו ניט זיך ריכטן,
דו קומסט צו מיר אין צייט,
דערפאַר פון אַלע פליכטן
ווערסטו ביי מיר בעפרייט.
דו דאַרפסט קיין זאַך ניט זוכן,
ניט דרייען מער דיין קאָפּ,
פון עסן, קליידן, שוכן,
פאַלט גלייך די זאָרג אַראָפּ.
און יעדער וועט דיך ערן,
מיט לויב—געזאַנג דערצו,
און קיינער וועט דיר שטערן
ביי מיר דיין שטילע רו.

— 11 —

אַליין בין איך אַ גאָר ניט,
כמעט אַ שפּאַס,
אַ פּוסטע פאַס,
און ווערט בין איך אַ האָר ניט,
דאָך דאַרף מען גאָר ניט קלערער,
ווען איינער גיט
מיר עפּעס מיט,
גיב איך אים צען מאָל מערער.

— 10 —

Compare me to a cradle
Yet I'm the contrary:
I'll get you—tho' you've made all
Attempts to flee from me.
        You'll shrink—yet willy-nilly,
        To me your footsteps wend—
        From life's road rough and hilly
        Your burdens all to end;
No need you'll have to hurry
And fret for clothes or food;
I'll banish care and worry
For self or for your brood.
        Then none will utter censure,
        And each your praise will sound,
        And not a soul will venture
        To break your rest profound.

— 11 —

Alone I stand for naught,
        'Tis sad to tell;
        An empty shell,
And worthy not a thought.
But should you care to give
        Me anything,
        Ten times I'll bring
More than I did receive . . . . .

— 12 —

קענסט אין מיר אַ שוץ געפינען,
ווען דיין כח הערט אויף דינען,
נעמסט מיין האַנט אין דיינע אַן,
און מיין פליכט איז שוין געטאָן.
אויב אַ הונט אויף דיר נעמט בילן?
דאַרפסטו זעהן אים איינצושטילן
קענסטו אויספירן דיין ציל;
שיק נאָר מיך, איך מאַך אים שטיל .
כ'האָב אין נסים זיך געבאָדן,
אין די וואונדער פערעיאָדן;
אויף דעם ים אַ שרעק געבראַכט
האָט מיין וואונדערבאַרע מאַכט.

— 13 —

שעהנע צוויי שנירעלאַך פערעלאַך,
אומשאצבאַר איז זייער פרייז,
צירן און שיינען מיט פרעכטיגקייט,
נוצן דעם קינד און דעם גרייז.
ניט אין דעם ים גרונט געפינט מען זיי,
ניט אויף דעם זאַמדיגן ברעג,
קומען געהיימפול צו יעדערן,
שניידן זיך זעלבסט אוים אַ וועג.
שמערצן פאַרשאַפן זיי קומענדיק,
קומען זיי ברייננגען זיי פרייד,
ווען מיר נאָר איינמאָל פאַרלירן זיי,
שרעקליך איז דאַן אונזער לייד.

— 12 —

You will find a friend in me
When your feet can hardly serve.
    When you put your hand in mine
    'Tis my duty to preserve.
Should some vicious, ugly dog
Plague you or attempt to bite.
    You just send me after him,
    And your battles I will fight.
You will find in ages past,
Miracles I used to do.
    Mighty Pharaoh got unnerved,
    As I a smote a sea in two.

— 13 —

Two strings of pearls, white and glimmering,
Priceless in value are they.
How they become you and beautify,
Serving the young and the gray.
    Not to be found on the ocean bed,
    Not on the shore gleaming white.
    Coming to you as mystery,
    Cutting their way into sight.
When they approach they bring agony,
And their arrival brings bliss:
Should we at any time lose any,
O what a torture is this! . . . . .

— 14 —

אַ פּאָר זיינען מיר
ווען מיר קומען צו דיר,
פאַרוואַנדלען מיר דאַן זיך
ווי צויבער אין פיר.
מיר קוקן איינס אנדערע
ליכטיג זיך אָן,
מיר ווערן פאַראייניגט
צו זעהן וואָס צו טאָן.
און דייטליכער מער
קריגסטו דעם באַגריף
זיך גריבלען אין ביכער,
און אָנשרייבן בריף.
מיר צירן, פאַרשעהנערן
פיל דיין געשטאַלט,
מיר זיינען אַ שטיצע דיר
ווען דו ווערסט אַלט.

— 15 —

צוזאַמען געוואַקסן געווען מיטן חזיר,
געוואַלגערט זיך שטענדיג אין שמוץ,
און יעצט איז עס צו דער מדרגה דערהויבן,
עס קומט אין בערירונג מיט פוץ.
עס האָט צו טאָן שטענדיק מיט שיך און מיט קליידער,
מיט צירונג אפילו מיט ציין,
פאַרגעסן זיין אפשטאם, דעם 'חזיר, די בלאַטעס,
און ווירקט; מען זאָל האלטן זיך ריין.

— 14 —

We're only a pair
When tow'rds you we go;
But then, into four,
As by magic, we grow.
    We gaze at each other
    With sparkling delight;
    The better our views
    To make clear, we unite.
And with our assistance
You gain surer might
To peer into books,
And your letters to write.
    We shine on your features
    In genial array,
    And come to your aid,
    When you grow old and gray.

— 15 —

With dirty pigs together
I've wallowed in the filth,
But now I've reached the station
Of cleanliness and health.
    I come in contact daily
    With all that's rich and fine;
    With gold and teeth and garments,
    My services are thine.

— 16 —

איך בין די היים פון גאָט,
נאָך איידער גאָר ער האָט
באַשאפן מענש און וועלט.
דריי פערטל טייל פון מיר
געפינט זיך מענש אין דיר,
דאָס איז שוין פעסט געשטעלט.
בין זאפטיג, ווייך און צארט,
אַמאָל אויך ווער איך הארט,
בלייב שטעהן זיך רוהיג שטיל,
דאָך ווען איך גיב אַ לאָף
קען זיין אַ בייזער סוף,
עס ווערט אַ טייפל שפיל.
ווער אין מיין וועג נאָר קומט
דער ווערט גלייך טויט, פאַרשטומט,
מיין קראַפט ווייסט ניט קיין צאָם,
גלייך ווי אַ שטורם ווינט,
און פאַר מיין הויך פאַרשווינדט
דער גרעסטער פייער פלאָם.

— 17 —

דאגהיט, פרייט זיך,
האָט בטחון
פילט און בלוטעט,
ווערט צו בראָכן.

האמערט לעבן
ביי די ברואים,
איר נבואה
ווערט מקוים.

— 16 —

I was the home of God
Long, long before the sod
        Had borne both man and beast.
I am a part of you,
Of field and forest too;
        I'm present at your feast.
I may be smooth or rough,
I may be mild or tough;
        I'm often slow and still.
But when I show my might,
And run and race and blight
        You dread my mighty will.
And woe to him I clutch,
Man cannot stop me much,
        My power is so great.
I'm stronger than the gale,
Than fire or storm or hail,
        I cities desolate.

— 17 —

'Tis moody, and mirthful,
'Twill harden and soften,
Oft grieving, oft bleeding,
And broken quite often.
  It utters predictions
  Whose truth we're oft seeing;
  And pounds out the lifetime
  Of each living being.

— 18 —

פאַלסטו אין אונזער געזעלשאַפט אַריין,
וואָס דו פאַרמאָגסט,
אַלץ וואָס דו טראָגסט,
פרעמדע צו אייגענע, שטעלסטו דאָ איין.
מעגסטו פאַרמעגליך זיין, מעכטיק און גרויס,
מיט אַ פאַרנעם,
האָבן אַ שם,
קומסטו צו אונז געהסטו אָרעם ארויס.
מעגסט זיך זיין ערנמאַן איידל און קלוג,
און אונזער זומפּ
ווערסטו אַ לומפּ,
מוזט אַלץ פאַרביטן אויף לוג און בעטרוג.
שיכרות איז מיאוס, דאָך העסליכער מער
ווערסטו דער מיט
ווען דיינע טריט
שפּאַנען צו אונז מיט אַ ווילדן באַגער.

— 19 —

קוקט אוים וואונדער שעהן,
פּערל ווייסע ציין,
זינגט מיט גאַטעם חן
ס׳זאָל אין הימל טראָגן,
טענער שטאַרק און שטיל,
אויסגוס פון געפיל,
לאָזט זיך טאָן אַ שפּיל
מוזט איר אָבער שלאָגן.

— 18 —

Should you e'er enter our circle—alas!
All that you own Therein is thrown,
You must stake often whate'er you possess.
Nothing avails you then, be what it may,
Power and fame, Wealth and a name —
Stripped of them all we will send you away.
Wisdom, nobility we do not prize,
Here in our fen, Changed are all men,
Brutified, buried in falsehood and lies.
E'er tho' the drunkard in hatred is held,
Worse, far, are you, When you pursue
Hither your course by temptation impelled.

— 19 —

Form full of delight,
Teeth all pearly white,
Music of such might
Naught but Heaven is like her!
Sounds are high and low
Hearts become aglow,
Yet much joy to know
You must dare to strike her!
Shape of such delight
Teeth of pearly white
Singing clear and bright
Naught but Heaven is like her!

— 20 —

צו דערפרייען הערצער,
צו דערקוויקן אויגן,
האָב איך אַלע פאַרבן
פון דעם רעגנבויגן.
דעם גן עדן ריח,
טוי פון דעם פרימאָרגן,
זאַפט פון זיסן האָניק
איז אין מיר פאַרבאָרגן.
און דו האַלסט ביים הארץ מיך,
מיט אַ ריין געוויסן,
איז דורך דעם מיין לעבן
ליידער אָפּגעריסן.
האָט עס׳ דיר דיין חתן
אַ געשאנק געגעבן,
איז דורך דעם געפאַלן
פאַר דער צייט מיין לעבן.

— 21 —

פינסטערניש און זונענשיין,
שווארצע שאָטינס, העלע ליכט,
שלעפן סודות׳דיק אריין
דיינע שטריכן, דיין געזיכט.
אַ מאמענט און ס׳כאפט פון דיר
עפּעס וואָס, פון ערגעץ וואו,
שפּעטער זעהסטו אַ פּאַפּיר,
זאָגט עס דיר; אַז דאָס ביסטו.

— 20 —

God had dipped His mighty finger
In the rainbow's brilliant hues
Then he painted me in beauty;
Human beings to amuse . . . .
Then He mixed a dainty perfume,
With the morning dew combined
With the essence of wild honey;
These are in my heart confined.
Now I decorate your bosom,
And I hear your throbbing heart,
Wrapt in mystery my birth is,
And in dust I'll soon depart . . . .
Close you press me to your bosom
With a smile serene and gay,
But, remember, for that pleasure,
They have torn my life away . . . .

— 21 —

Darkness and the light of day,
Shadows deep and dazzling light,
All mysteriously conspire
Here your features to indite . . .
You are caught and taken then,
And exposed—as is your due
Soon you're given a parchment fair
That keeps you in our view.

— 22 —

ס'איז ביטער און שוואַרץ
מיין אָרימע האַרץ,
נאָר איידל און ווייס איז מיין פּנים,
איך שפּרייט אוים אַ דופּט,
געדיכט ווערט די לופט,
איך האָב גוטע פריינט און אויך שונאים.
מען זאָגט פון מיר טריפט
אַ שעדליכער גיפט,
אויך ווער איך פאַרצערט פון אַ פייער,
דאָך איך ווייס אַ סך
וואָס ליידן און מאָך
אַ ביסל זיי פריילינער, פרייער.

— 23 —

פון דרויסן קען איך זיין
צום וואונדער, שעהן און פיין,
געלוסטיק פאַרן בליק,
דאָך אינווייניק מיין האַרץ
קען זיין גאָר מיאוס, שוואַרץ,
צופוילט און ווערמדיק.
בין פאַרברייך; ליכטיג, העל,
קען גרין זיין, אָדער געל,
אַמאָל אויך פורפור רויט,
דאָך מיך אַ ווייטיק פּלאָגט;
ווייל ווי עס ווערט געזאָגט
האָב איך געבראַכט דעם טויט.

— 22 —

My core of gold
Is bitter and bold,
My dress is soft and tender.
I spread in the air
A fragrance that's rare,
I've eloquent foe and defender.
They say in my breath
Lurk poison and death,
They say I am doomed to be fired.
But would you believe
That comfort I give
To many a man who is tired?

— 23 —

My surface that you see
May very pretty be,
And colour ruddy showing;
But oft it comes to pass
My whole heart with a mass
Of rottenness o'erflowing.
I may be sound and hale,
I may be small and pale,
And fragrant is my breath.
But as the case may be,
'Tis often said of me,
That I'm the cause of death.

— 24 —

צען זיילן זיינען מיר,
צו קאָנטראָלירן דיר
דיין גוטס און דיינע געלדער,
מיר שאַצן דיין געשעפט,
וויפיל דיין הויז באַטרעפט,
און דיינע וועלדער, פעלדער.
מיר זיינען איין פאַרבאַנד,
און לעבן מיר באַנאַנד
ווערט דיין פאַרמעגן מערער,
קוים טיילן מיר זיך אָפּ,
געהט פון דיין גוטס אראָפּ,
און ס'ווערט דיין לעבן שווערער.
דו זעהסט אונדז אין דיין גאַס,
דו הערסט אונדז אין דיין קלאַס,
דו זוכסט אונדז אין די באַנקן,
מיר פילן ביכער אָן
מיט אותיות שווארץ ווי מאָן,
דאָך גאָר אָן שום געדאַנקען.

— 25 —

ווען ס'האַלט די זון
אין שיינען,
דאַן טראָפּן נאַסע טריפן,
פון וואָס די טראָפּן זיינען
דא דארפט איר זיך
פארטיפן.

אָן דונער וואָלקן-ציטער,
די טראָפּן נאַסע רינען,
אויך איז דעם מענשן
ביטער
דורך דעם זיין ברויט
פארדינען.

— 24 —

Ten heroes, strong and true,—
We rule and master you,
Your goods and all your money:
Through your trade's revealed,
The price your home will yield,
And all your patrimony.
We are one Union grand,
When side by side we stand,
Your property increases;
When one by one we leave,
Your heart we surely grieve,
Your wealth then falls to pieces.
We face you on the street,
In school your eye we greet,
In banks you'll find us playing;
Thick books we fill with ink,
Although we cannot think,
And not a word we're saying!

— 25 —

A shower I start freely
When bright the sun is beaming
Now say what stuff I'm made of
My drops that thus are straining.
No thunderstorms or rain clouds
With water need supply me,
Wet are the peoples brows
Who earn their living by me.

— 26 —

יעדעס קינד האָט שותפים פיר,
אום צו זיין אַ מענש אַ גוטער,
גאָט איז איינער און נאָך צוויי
זיכער זיינען פאטער, מוטער.
אין דעם פערטן דאַרפן זיין
פון די דריי די אַלע מעלות,
ליבע גייסט און צערטליכקייט,
און פאַרענטפערן פיל שאלות.
עפענען די אויגן דיר
מיט די קלאָרסטע, ריינסטע ווערטער,
ווייסטו שוין די ערשטע דריי,
טרעף זשע ווער עס איז דער פערטער.

— 27 —

צווישן דעם פּלאַנעטן גאַנג
דאָרט מוז איך זיך געפינען,
אַ סימפאָני, אַ כאָר — געזאַנג
אָן מיר האָט גאָר קיין זינען.
דער מאַלער מוז גערדיינקען מיך
און זיינע פאַרב אַקאָרדן,
מיט מיר נאָר פעסט קען האַלטן זיך
אַ וועלט — פאַרבאַנד, אַן אָרדן.
און ווערט געשלאָסן אַ פאַרטיי,
האַלט איך דאָרט אַן דעם פרידן,
אויב מיך פאַרזעהט מען? אך און וועה!
איז בעסער זיין געשידן.

— 26 —

Every man through agents four
Shapes his life or nature rather,
First of all is God Almighty,
Then his mother and his father.
    Now the last of these agents,
    It unites all the features,
    Of those three. The fourth replies
    To the question of God's creatures.
He enlightens those who wish
Light and knowledge to acquire.
Young and old must seek the fourth
If but learning they desire.

— 27 —

Among the planets great and small
You'll find me very surely,
A symphony, a choral song,
Without me struggle poorly . . . .
    The painter seeks to keep me in
    The work that he produces.
    My absence in alliances
    Brings troubles and abuses.
And when a happy pair are joined,
With me their bond can't sever;
But if they cast me out—beware!—
They'd better part for ever . . .

— 28 —

קיין בעסערס פון מיר
פאַרמאָגט ניט די וועלט,
אַ קינד האָט מיך שוין
ווי נאָר ס'ווערט באַזעלט.
דער אַלטער דאַרף מיך
ווי דער יונגער גלייך,
אין אָרמ'קייט אויך
ביי מיר איז מען רייך.
ווער ברעכן מיך וואגט
דער ליידעט אַן שיר,
געהט ווער ווייט אַוועק
מוז בעינקען נאָך מיר.

— 29 —

מיין פּנים איז שוואַרץ
און גרוי איז מיין האַרץ,
מען שטויסט מיך, מען רייבט מיר די זייטן,
צו שטויב מאַכט מען מיך,
דאָך נוצן ברייננ איך,
און איך בין געאַכטעט ביי לייטן.
מען לאַדט מיך צום טיש,
מיט פליישׁ און מיט פיש,
אויך איך קום אַרונטער אין מאָגן,
נאָר ברייננ איך פיל צער
אַ קינד און אַ נאַר,
זיי קענען מיך פראָסט ניט פאַרטראָגן.

— 28 —

None better than I am
You'll find upon this earth.
Your child will find me when
He comes to you at birth.
The old have need of me,
The young they need me too;
In poverty or want,
I'm very dear to you.
And he who breaks me up
Must suffer for his wrong.
And should one leave me, then
For me he'll pine and long.

— 29 —

My visage is dark,
My heart's gray and stark,
I'm pounded and beaten as any
Whom fate turns to dust.
Thus suffer I must,
And yet I am fancied by many.
When fish or when meat
You have chosen to eat
My company oft you desire.
But you must beware
And treat me with care
Or pain you will suffer that's dire.

— 30 —

אויף אַ ווייסן פעלד
האָט זי ליב צו שפּרייזן,
אום איר שוואַרצע בלוט
דייטליכער צו ווייזן.
פאַר אַ יעדן צונג
איז זי מערער שפּרעכיק,
פאַר אַ שווערד מער שאַרף,
פאַר אַ שפּיז מער שטעכיק.
אירם אַ טראָפּן גיפט
קען אַ וועלט פאַר׳סמ׳ען
און עס קען פאַרקערט
ברייננגען גליקן ימ׳ען.
פיל נשמה—פרייד
קען זי יעדן געבן,
גוט איז זעלטן דעם
וואָס פון איר דאַרף לעבן.

— 31 —

דעם אָרימען שטעהט עס אין וועג,
פאַרשטעלט אים ערפּאָלגרייכע טעג,
דער רייכער מיט טייפלשן לוסט,
ער טראָגט עס מיט שטאָלץ אויף זיין ברוסט.
דער שלעכטער וואָס שטיקט און וואָס דריקט,
ביי אים טיף אין האַרצן דאָס ליגט,
און ווער ס׳געהט אַוועק פון דער וועלט,
דעם ווערט עס צוקאפּן געשטעלט.

— 30 —

Over pastures white,
She is always roaming
For her darkish blood
She is proud of showing.
Eloquence like hers
Tongue is ne'er rehearsing—
Keener than a sword,
Than a spear more piercing.
Joys she strews galore;
Yet her drops of venom
Can a whole world send
Straight into Gehennom.
Spiritual delights
Ever is she giving:
But he suffers, who
With her seeks his living! . . . .

— 31 —

It stands in the poor toiler's way,
And yields no prosperous day.
The rich man with fiendish zest
Displays it with pride on his breast.
The villain, of tyrannous art,
Has this in the place of his heart.
And when one departs to the dead,
We stand it a guard o'er his head.

— 32 —

אַ טעמפּל איז דאָ
מיט הערליכן פּראַכט,
פון חכמה אַ וועלט
אהין ווערט געבראַכט.
וויל וויסן ווער, וואָס?
באַגרייפן, פאַרשטעהן,
איז דאַרף ער אַהין
נאָר קומען צוגעהן.
כאָטש מענשן אַ וועלט
געפינען זיך דאָרט,
דאך איז דאָרטן שטיל
ווי אויפן הייליגן אָרט.
מיט טויטע קען ער
זיך דורכריידן דרייסט,
און שעפּן פון זיי
פיל חכמה און גייסט.

— 33 —

בין קליין און דין
אין טאש צו זיין,
דאָך גראָם איך בין;
ווייל ס׳געהט אריין.
אין מיר אן שפּאָס
צום קענען בלויז
דעם מענש, זיין גאַס
זיין שטאט זיין הויז.

— 32 —

There is a glorious temple,
All wondrous to behold,
Embracing pricless treasure
And wisdom deeply told.
And should you seek for knowledge,
To elevate the mind;
Within this temple's portals,
Here's all you'll ever find.
And should you seek communion
With spirits that have fled,
'Tis here you'll find their musings,
Though long their forms are dead.
Though many crowd this temple,
To find what's true and right,
Its atmosphere is peaceful,
And silent as the night.

— 33 —

I'm small and thin—
So you can place
Me in a purse,
Yet I have space
For man and town
And house and street—
Can introduce
To all you meet . . . . . .

— 34 —

איך זעלבסט באַזיץ אַ פּאַך,
צו מאַכן יענעם שעהנער,
און קעפּ האָב איך אַ סך
פון קינדער, פרויען מענער.
איך האָב געזונטע ציין,
דער פרוי בין איך אַ צירונג,
און קינדער צום געוויין
ברייננ איך מיט מיין באַרירונג.
דער קייזער נעמט אַראָפּ
פאַר מיר זיין קרוין אפילו,
און בויקט נאָך איין זיין קאָפּ
גאַר גלייך ווי צו אַ תפלה.

— 35 —

אַ שריפט פון אַ זשעני,
אַן אורטייל פון אַ ריכטער,
אַ שעהנע פּאָעזי
פון אַ באַגאַבטן דיכטער.
אַ טיפער איבערבליק
פון פייהיגסטן רעדאַקטער,
אַ שרייבער פון קריטיק,
אַ דראַמע, אַ דריי אַקטער.
אַ שפּאַנענדער ראָמאַן,
אַלץ גאַר ניט, איך קען צייגן
אַ שריפט פון אַ גראָביאַן
זאָל אַלץ איבערשטייגן . . .

— 34 —

Know you my profession,
It is to decorate,
The many heads that mostly are
In normal thinking state.
    Children fear me greatly,
    My teeth are large and strong,
    My victims ne'er I counted
    My deeds are never wrong.
The king awaits my coming
And bows his head to me,
But while I am aggressive,
I'm meek as I can be.

— 35 —

A poet's manuscript,
A noted judge's saying,
A finished work of art
Most wondrous scenes portraying,
    An editor's review
    The fruit of deep reflection;
    A critic's sharp remarks,
    A drama full of action;
An all-absorbing tale
However it may charm us—
Are outweighed by a scrap
Writ by some ignoramus.

— 36 —

אַ זאַך איז דאָ וואָס האָט גרויס מאַכט
און יעדער דאָס באַזיצט,
דער מענש האָט דאָס אַריינגעבראַכט,
אין לעבן איינגעקריצט.
און כאָטש ס׳האָט אויסגעטראַכט דורכאויס
די זאַך דער מענש אַליין,
האָט קראַפט די זאַך אים מאַכן גרויס,
און אויך אים מאַכן קליין.
די מילב, דער העלפאַנד האָט עס גלייך,
דאָס האָט דער מענש און גאָט,
דאָס האָט דער וואַלד, די פעלד, דער טייך,
דער ים, די לאַנד, די שטאָט.
און ווען עס וואָלט די זאַך געפעלט,
קיין ערגערס קען געשעהן,
עס וואָלט קיין מילב, קיין מענש, קיין וועלט,
און אויך קיין גאָט געוועז.

— 37 —

איך בין אַ טאַש
ניט איינגעענייט,
וואָס בריינג אַן רעש
אי פרייד אי לייד,
אַ הארץ וואָס ליבט
דעם סוד איך האַלט,
ווער ס׳איז באַטריבט
דעם טרייסט איך באַלד

איך פאַר אַרום
שטאָט איין, שטאָט אויס,
און וואו איך קום
די פרייד איז גרויס.
מען ציט די נוץ
וואָס כ׳האָב אין זיך,
און פאַר מיין גוטס
צורייסט מען מיך...

— 36 —

There is a thing of priceless worth,
'Tis owned by great and small
And man it was who 'graved this thing
Upon the life of all.
    This thing invented was by man,
    And yet we can't deny
    That it can make him sore despised
    And it can raise him high.
Both moth and monster share this thing
As well as Gods and men,
And also wood and lake and field,
And ocean, hill and glen.
    An empty universe 'twould be
    If this did not exist—
    We would have known no earth, no sky,
    Nor God, nor man, nor beast.

— 37 —

I am a pocket,
But not sewed-in,
In silence bring I
Joy or chagrin . . . .
I hold the secrets
Of lovers' breasts,
To souls a-weary,
I bring sweet rest . . . .
I ever wander
From town to town,
And where I'm landed,
I've great renown
From what I hold,
Each benefits,
But in return
I'm torn to bits.

מען בענטש זיך מיט מיר,
מען ווינשט מיך צו קריגן,
דאָך מיין קומען ברייננגט
קיין סך פאַרגעניגען.

דער פאַר יעדער קעמפט
פון מיר זיך באַהאַלטן,
דאָך דרינג איך אַריין
פאַרבאָרגן, דורך שפּאַלטן.

נעם ציינער אָוועק,
די האָר פון קאָפּ פליקן,
האק אונטער די פיס,
און דונקל די בליקן.

איך בויג שטאָלץ אין קאַרק,
דאָך ניט זיין מיין קרבן
קען דער יענער נאַר;
וואָס יונג איז געשטאָרבן.

— 38 —

Each person hopes I will be his,
I'm thought of as a blessing;
But when I stay I dole out pain,
The truth I am confessing.

Each yearns to have me, yet each seeks
My presence to dissemble;
I'm garnished so that I may not
My honest self resemble.

The stoutest frame I penetrate,
And to my yoke subdue it,
I war on it relentlessly,
And utterly undo it.

I break his teeth and pluck his hair,
His sturdy limbs I weaken,
I dim his eye and choke his breath
And his stout heart I sicken.

I bend his back and break his strength
And crush his figure burly,
Of course he can escape from me
If death to him comes early.

— 39 —

אָנפּאַנגס קוקן
אויף מיין רוקן,
מיט אַ חשיק וועט איר,
דאָרט מיין נאָמען זעט איר.

מער בעדייטן
מיינע זייטן,
נאָר אין מיינע שורות
קען איך צייגן גבורות.

איך מאַך ליכטיק,
און ס'איז וויכטיק
אַלץ וואָס איך דערצייל אייך,
אומעדיק צו פריילאַך.

איך קען מערן
פרייד און טרערן,
ברייננגען פרייהייטס שטונדן,
כאָטש איך בין געבונדן.

— 39 —

Your attention,
(I may mention).
First my face engages,—
There my name, and age is;

But more weighty
Things await ye
To my insides bidden,
Where my treasure's hidden.

What I tell you
Can impel you
Unto tearful sadness,
Truth, and light, and gladness.

Tho' for seasons
I'm in prisons,
And hard bindings suffer—
Freedom's joys I offer . . .

— 40 —

בין נעהענטער דיר מער
ווי קינד, ווי מאַן, ווי ווייב,
מיר ווימן איז ניט שווער
דיין יעדער שטריך פון לייב,
אין דרויסן צו אין שטוב
געאַרעמט זיינען מיר,
זאָגאַר אין קבר-גרוב
געה איך אויך מיט מיט דיר.
און ברעכט אַ פייער אויס,
דיין גוטס געהט מיטן רויך,
אויב דו ביסט נאָר אַרויס
בין איך מיט דיר דאָן אויך.

— 41 —

עס ווערט אַן מיר קיין זאַך געמאַכט,
איך הערש אין יעדן אָרט,
איך שליכטע פרידן, שיק אין שלאַכט,
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט.
דעם קייזערס צוזאָג האָט קיין ווערט,
ווען איך בין ניט דערביי,
די גרעסטע זאַכן ווערט צושטערט
ווען מיך מען איז ניט טריי.
מיך פעלשן איז אַ קרימינאַל,
די מענשהייט ווערט פאַרלעצט,
די גרעסטע שטראָף איז איבעראַל
פאַר יענעם אויסגעזעצט.

— 40 —

I'm closer quite to you
Than friend or wife can be.
The secrets of yourself
Are known quite well to me.
    My gentle, soft embrace
    You feel all through the day;
    And even to the grave
    I'm borne with you away.
And should a fire destroy
All that you may possess,
If you but save yourself,
You'll save me, too, I guess.

— 41 —

Nothing is done without my name,
I'm sovereign everywhere—
I bring forth peace, I call to war,
The last word's mine, I swear!
    No monarch's utterance hath force,
    Should I unmentioned be,
    The greatest efforts are in vain,
    If men act false to me.
Who falsely use me, wrong the Law;
Their crime is very grave;
Dire penalties are meted out
To all who thus behave . . . .

— 42 —

איר עפנט מיינע בלעטער,
און כשוף׳דיק ערשיינט
אַ מומע אייך אַ פעטער,
אַ חבר און אַ פריינט.
פון צפון צו פון דרום,
פון נאָהענט צו פון ווייט,
משפחות וואָס אין קברים
שוין רוען פון אַ צייט.
איר מישט אַ בלעטעל איבער,
און אָט איר ווערט באַזעלט,
איר זעהט וואָס׳ אייך איז ליבער
פון אַלצדינג אין דער וועלט.
דעם טאַטען מיט דער מאַמען,
אויך שוועסטער, ברידער גלייך,
אזוי ברייננ איך צוזאַמען
אַ גאַנצע וועלט פאַר אייך.

— 43 —

ווען הערצער ווערן קאַלט,
ווען ליבע ווערט פאַרשוואונדן,
צייג איך דאַן מיין געשטאַלט;
אום אויפצולייזן בונדן.
ווען געמיינהייט און פאַראַט
אין הויז נאָר שטעלט אַ פיסל,
אום אַלץ דינג מאַכן גלאַט
בין איך צו דעם דער שליסל.

— 42 —

You turn my leaves so lightly
And, lo! before you stand
Your father and your mother,
Your sister and your friend.
    From countries near and distant
    Your friends once more appear;
    The dead have left the graveyard,
    You feel them now so near.
Another leaf you've turning,
Your heart is filled with mirth,
Before you sits your loved one.
The dearest one on earth.
    You'll always have before you,
    Your olden friends and true,
    A world of recollections,
    I recreate for you.

— 43 —

When love grows faint and cold,
And hearts grow void of passion;
When marriage proves a farce—
To use me, is the fashion.
    When treason and base deeds
    Your heart of hope would plunder,
    Through legal hands I come
    To rectify your blunder.

— 44 —

כ'קום פון לעבעדיגע קוואַלן,
אנצוטרינקען מוטערס גליקן,
כ'קום צו בויען, צו דערציען,
און צו זעטיגן און קוויקן.
דורשטיקע דעם דורשט צו שטילן,
הונגעריקע צו דערנערן,
כ'וועל אין וואַרמקייט פאַרגליווערט,
כ'קען אויך האַרט ווי מאַרמאָר ווערן.
כ'קען זיך זעצען, כ'קען זיך שטעלן,
ס'איז קיין בראָק ניט ווען איך שימל,
כ'בין ניט נאָר אויף דרערד געהויבן,
כ'האָב אַ גאַס אויך הויך אין הימל.

— 45 —

מיין מוטער איז פרייד,
מיין פאָטער איז שפּאַס,
מיין געגנער איז לייד,
מיין שונא איז כעס.
עס איז אַ געוויין
דער הופך פון מיר,
דאָך איך אָפט אַליין
אַ טרער פּראָדוציר.
ס'איז פריילעך מיין פאַך,
און ווי ס'ווערט גערעדט;
ווער ס'נוצט מיר אַ סך,
דער קען ווערן פעט. . .

— 44 —

Sprung from living, throbbing sources,
Mother's darlings I console,
I bring vigor, health and gladness;
Mine's a mighty builder's role.
Giving thirsty ones their craving,
I the hungry also feed,
'Tho my form may change and vary,
'Tis to meet your daily need.
I can either turn or harden,
Even mouldy I'm a prize,
Not on earth alone 'm cherished,—
I've my way up in the skies.

— 45 —

'Tis mirth that's my mother,
And wrath is my foe,
'Tis joy that's my father,
My enemy woe.
Tho' tears are the bitter
Opponents of mine,
Yet I am creating
Some tears all the time.
Delight's my profession,
And as each one knows
The more one employs me
The fatter he grows . . . .

— 46 —

איך האָב אַ מענשנקאָפּ,
אַ שטאַרקן אַ געזונטן,
נאָר איך פון אויבן בין
מיין קאָפּ ביי מיר איז אונטן.
אונ נעמט אַראָפּ מיין קאָפּ
אויב ס׳קען אַזאַ פּאַל געבן?
איז איך באַקום דעם טויט,
מיין קאָפּ בלייבט אַלץ נאָך לעבן.

— 47 —

ווען איך בין זויבער קלאָר,
און שניי — ווייס, ריין, אַ צירונג,
קומט גראד מיט שמוץ מיך אויס
צו קומען אין באַרירונג.
און ווען מען קען מיט שמוץ
מיך מערער שוין ניט שמוצן,
ערשט שיקט מען מיך אַוועק
אַז איך זאָל ריין זיך פּוצן.

— 48 —

פּאַר ביינקענדע נשמות
בין איך דער אידעאַל,
מיט מיר ערלויבט
איז פילעס,
אָן מיר איז קרימינאַל.
עס מוז אַ יעדער מענש
באַשטימען מיר אַ טאָג
כאָטש דער גאַנצער לעבן
געשטעלט איז אויפן וואָג
און ווער עס טוט דאָס
צוויי מאָל
מיינט ׳עס שוין געפאַר
אויב מען טוט עס דריי מאָל
יענער איז אַ נאַר . . .

— 46 —

I have a head, a human head,
With normal brains endowed me
For unlike other human heads,
My own is placed below me—
And should you e'er the notion seize
My head from me to sever,
Tho' dead I'm reckoned—yet you'll find
My head's alive, as ever!

— 47 —

When I am nice and clean
And white is my complexion,
'Tis then with dirt I come
Most closely in connection.
But when my filthy face
You find an interference,
You send me off at once
To better my appearance.

— 48 —

For yearning souls
I'm heart's desire,
Without me—woe!—
You play with fire!
For me must each
Assign a date,
Tho' right thereon
He stakes his faith.

Who acts thus twice
Courts heavy pain,
Who does it thrice,
Is, sure, insane.
And yet who fails
This step to take,
Himself doth spite
And man's rules break.

— 49 —

אַ גוטע זאַך געגעבן
האָט זי דיר נאָר איין מאָל,
דער פאַר מאַכט זי דיין לעבן
דיר ביטער אַן אַ צאָל
זי גיט דיר שטענדיק עצות,
ווי דו זאָלסט שטעהן און געהן,
און הינטער דיינע פּלייצעס
באַרעדט זי דיר געמיין.
גיט אַרגומענטן שטענדיק,
פאַר איר ניט וויין, ניט לאַך,
זי איז ווי דער אַפּענדיק
אַן איבעריקע זאַך.
זי ברייגט דיר שטונדן טריבע,
איר צונג איז גאַל און גיפט,
און דאָך דיין ריינע ליבע
אין אירע אָדערן טריפט.

— 50 —

ער קומט ניט צו דיר,
נאָר דו קומסט צו אים,
דיין גאַנג איז מיט צוואַנג,
מיט ווייטיק, מיט גרים.
ער שטעלט דיר אַ שטול,
איז העפליך, איז גוט,
דאָך מיט זיסע רייד
פאַרגיסט ער דיין בלוט.

דו שפּרינגסט אויף
פאַר שרעק,
לאָזט הערן דיין קול,
און דאָך דו צו אים
קומסט מערערע מאָל.
כאָטש ער גיט דיר גאָלד,
ברייגט ווידער דיין רו,
דאָך נעמט ער פון דיר
מער ווערטפולעס צו.

— 49 —

She has given you but once
Something you admire,
But she's made your life since then
Pitiful and dire.
Ever She's advising you
How to act and reason
She is loyal when you're by,
Back of you she's treason.
She's both honeyed and sarcastic,
Knows just how to sting,
She is like a man's appendix
A superfluous thing
And she brings you better hours,
Makes you sad at heart;
In your love, howe'er, she's taken
Quite the biggest part.

— 50 —

On you he won't call—
To him you must come:
You're driven by force
With agony dumb.
He bids you sit down,
Politely and bland,
Yet with gentle words
Your blood he'll demand.
You start up in fright,
You shriek and you bawl.
Yet back there again
You often will call.
Tho' gold he deals out,
And you are consoled—
He filches from you
Stuff dearer than gold.

KEY (Index)

A	B	C	D	E	F	G	H	I	J	K	L	M	N
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14

O	P	Q	R	S	T	U	V	W
15	16	17	18	19	20	21	22	23

X	Y	Z	—	&
24	25	26	27	28

Riddle No. *Answers*

35 — 3, 8, 5, 3, 11.
36 — 14, 1, 13, 5.
37 — 5, 14, 22, 5, 12, 15, 16, 5.
38 — 15, 12, 4; 1, 7, 5.
39 — 2, 15, 15, 11.
40 — 19, 8; 9, 18, 20.
41 — 19, 9, 7, 14, 1, 20, 21 18, 5.
42 — 1, 12, 2, 21, 13.
43 — 4, 9, 22, 15, 18, 3, 5.
44 — 13, 9, 12, 11.
45 — 12, 1, 21, 7, 8, 20, 5, 18.
46 — 8, 1, 20.
47 — 20, 15, 23, 5, 12.
48 — 13, 1, 18, 18, 9, 1, 7, 5.
49 — 13, 15, 20, 8, 5, 18, 27, 9, 14, 12, 1, 23.
50 — 4, 5, 14, 20, 9, 19, 20.

KEY (Index)

A	B	C	D	E	F	G	H	I	J	K	L	M	N
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14

O	P	Q	R	S	T	U	V	W
15	16	17	18	19	20	21	22	23

X	Y	Z	—	&
24	25	26	27	28

Riddle No. *Answers*

18 — 7, 1, 13, 2, 12, 9, 14, 7.
19 — 16, 9, 1, 14, 15.
20 — 6, 12, 15, 23, 5, 18.
21 — 16, 9, 3, 20, 21, 18, 5.
22 — 3, 9, 7, 1, 18, 5, 20 20, 5.
23 — 1, 16, 16, 11, 5.
24 — 14, 21, 13, 2, 5, 18, 19.
25 — 19, 23, 5, 1, 20.
26 — 20, 5, 1, 3, 8, 5, 18.
27 — 8, 1, 18, 13, 15, 14, 25.
28 — 8, 15, 13, 5.
29 — 16, 5, 16, 16, 5, 18.
30 — 16, 5, 14.
31 — 19, 20, 15, 14, 5.
32 — 12, 9, 2, 18, 1, 18, 25.
33 — 22, 9, 19, 9, 20, 9, 14, 7, 27, 3, 1, 18, 4.
34 — 3, 15, 13, 2.

KEY (Index)

A	B	C	D	E	F	G	H	I	J	K	L	M	N
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14

O	P	Q	R	S	T	U	V	W
15	16	17	18	19	20	21	22	23

X	Y	Z	—	&
24	25	26	27	28

Riddle No. *Answers*

1 — 23, 9, 14, 4.
2 — 23, 15, 18, 13.
3 — 25, 5, 19 28, 14, 15.
4 — 19, 21, 7, 1, 18.
5 — 3, 15, 18, 14.
6 — 5, 1, 18, 20, 8.
7 — 4, 18, 21, 13.
8 — 19, 15, 1, 16.
9 — 19, 1, 12, 20.
10 — 7, 18 1, 22, 5.
11 — 26, 5, 18, 15.
12 — 3, 1, 14, 5.
13 — 20, 5, 5, 20, 8.
14 — 5, 25, 5, 7, 12, 1, 19, 19, 5, 19.
15 — 2, 18, 21, 19, 8.
16 — 23, 1, 20, 5, 18.
17 — 8, 5, 1, 18, 20.

INTRODUCTION

These riddles will prove of value as a sociable game. A number of friends may assemble. One of the groups will read a riddle and the rest will answer it. Each member of the group is to note his solution on a sheet of paper. After all have a solution, the papers are to be collected and the right answers is to be given by the one who read the riddle. Those whose answers are incorrect are to be fined by a jury selected from the group.

The answers are also written in riddle form. The purpose of this is to prevent your eye from taking in the answers to several riddles at once. Each number refers to a letter of the alphabet. For example: The letter "A" is number "1"; the letter "I" is number "9"; the letter "Y" is number "25".

A hyphen is represented by the number "27", and "28"represents the word "and". Thus you derive each answer from the numbers.

THE EDUCATIONAL ALLIANCE
East Broadway and Jefferson St.
New York

Mr. Solomon Small,
Brooklyn, N. Y.
My Dear Mr. Small:-

I have read your manuscript of riddles with great interest. The content is quite varied; the arrangement is unique. The riddles are written in verse form and delighted me because of their delightful sentiment, intellectual content and imaginative realization which raised them to the level of true poetry.

Sincerely yours,
NATHAN PEYSER, *Executive Director.*

CHICAGO NORMAL COLLEGE
68th St. and Stewart Ave.,
Office of the Principal.

Mr. Solomon Small,
Brooklyn, N. Y.
My Dear Mr. Small:-

I read your collection of riddles with interest. I should think they might be used with good effect by thoughtful and careful teachers.

Thanking you for your kindness in presenting your material to me, I am

Yours sincerely,
WILLIAM B. OWEN, *Principal.*

THE JEWISH PUBLICATION SOCIETY OF AMERICA
Executive Office of the Society
Broad Street and Girard Avenue
Philadelphia

Mr. Solomon Small,
Brooklyn, N. Y.
Dear Mr. Small:

Your *Original Riddles* have afforded me such great pleasure that I cannot help expressing my admiration for your talent. In this volume, you have succeeded in combining ingenuity with poetic beauty. This rare combination accounts for the fact that your riddles are both entertaining and edifying. In their English garb these riddles will naturally appeal to a wider public, and will be especially enjoyed by school-children.

With best wishes,

Yours sincerely,

B. HALPER, *Editor.*

Department of English
TRINITY COLLEGE
Hartford, Connecticut

Mr. Solomon Small,
New York City.
My dear Mr. Small:

I have read the "Original Riddles" which you left for me and find some of them interesting and many of them ingenious. They are well and correctly rhymed.

Your index is a clever device.

Your truly,

ODELL SHEPARD.

RABBI JOS. S. KORNFELD

Mr. Solomon Small,
New York City

My Dear Mr. Small:

I have read with great pleasure the manuscript of the original riddles in verse you were good enough to submit to me for criticism. I cannot tell you what enjoyment these riddles afforded me. Apart from their merit as poetic compositions, they are especially valuable as a means for developing the imagination. It has occured to me that these poems would be peculiarly serviceable to children of the upper grades of the elementary schools, as well as the high schools. From my association with the schools as a member of the Board of Education covering now a number of years, I have come to the conclusion that the one thing our children need is the heightening of their imaginative powers, and for that reason I should hail with delight the publication of these poems in such a form as will render them accessible to the school children. I do not believe there ought to be any difficulty in securing the adoption of these poems as a supplementary reader in our public schools.

Very respectfully yours,

JOS. S. KORNFELD.

Former Ambassador to Persia.

SUPREME COURT OF OHIO

I would characterize the manuscript briefly by saying that it is a most unique and instructive compound of philosophy, parable and poetry.

Thanking you for your courtesy, I am,

JUDGE R. M. WANAMAKER.